




קונטרס

# מכתבי התעוררות בענין השחיטה

חלק א' - שנת תשל"ג - תשל"ט לפ"ק, עם הוספות חדשות,
כל מה שכתוב כאן נוגע לכל הבתי שחיטה בכל העולם כולו
[ראה באריכות בחלק ב']




האדמו"ר מהאלמין

חלק ו
אור הזוהר 477 ★ כסליו תשע"ד
מפעל הזוהר העולמי
בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש







עכשיו תבינו קצת מה שקורה כאן, וכל זה אינו סוד. כבודכם יכולים לשאול את כולם מה שכתבנו לכם מסיח לפי תומו וד"ל. ושו"ב שעובד 16 - 17 שעה ביום, הוא הבעל מכשיר שלנו, ובא לשאול שאלות על בני מעיים כמו שאמר לנו הרב מצעהלים "דיא אַלטע רבנים קען מען נישט פאַפּען, [הרבנים הזקנים לא יכולים לרמות אפילו שבתי מרדכי אויך נישט [ואפילו שבתי מרדכי גם לא]". לשו"ב כזה מאמינים הכל... וכו'... וכו'..... וכו'...

תדעו לכם, אם לא נראה כאן תיקון גדול עד כמה שבועות, נצטרך לעשות כל מה דאפשר שלא ישארו המכשולות כך וכו'. באמת אין אנו מתפלאים על זה, דהלא הבעלי בתים משלמים להשובי"ם, ואיך יאמרו שהעוף אינו כשר, הלא ידוע לכם מה שכתוב בתורה "כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים".

וראו מה שאמרו בענין זה במסכת כתובות (דף ק"ה ע"ב), ועוד. בפרט שהשובי"ם כל אחד מקבל יותר מהשני כל אחד לפי עבודתו ולפי מסעו... מקבל יותר מפני ב' טעמים, אחד מפני שעובד כמו עשרה חמורים, והב' הוא מקורב יותר למלכות על ידי ... ומי הוא שיאמר שאינו טוב? בואו וראו מה שכתוב בדרכי תשובה סימן א', ובעוונותינו הרבים על ידי זה (שוחטים הקלים יצאו כמעט מן הדת כמה קהלות בארץ לועז על ידי השוחטים ובודקים קלים שאכלו ונתפטמו בטריפות וגבר עליהם דיעות זרות עד שפרקו ונאבדו מתוך קהל הקודש) וכן מובא בשו"ת דברי חיים סי' ז' עיי"ש, אוי לנו שכך עלתה בימינו ששוחטים קלים מרמים הרבנים שנותנים הכשרים בעד בצע כסף, ואין כמעט שום השגחה תחת ידו, רק מפעם לפעם (מאשמת השוחטים שאומרים לרבנים אין אתם צריכים לבוא כי אין שום חשש) בחטיפה יתירה מביט זעיר שם ואינו מדקדק לראות כל הנעשה בחקירה ובדיקה יסודית לברר אם אין שם חשש או נבילות וטריפות.

ובאמת אין הדבר באשמת הרב, כי כפי שאמרו לנו השובי"ם, אי אפשר לדעת כלום ממה שנעשה שם באמצע השחיטה כשאינו שם, ואפילו נגד פני הרב גם כן יכולים לעשות דברים וכו', ואם השוחט מקבל המעות מבעל הבית, איך יהא נאמן אפילו על דיבור קל שמדבר, כי כל דיבור ודיבור שיוצא מפיו הכל לטובת הבעל הבית כידוע וד"ל.

ונספר לכם עוד עובדא אחת אשר סיפר לנו מבקר אחד שהוא עובד אצל וויינשטאָק, ואמר בשמו, אשר שהוא משלם לשני אנשים שלא יבואו, להרופאים מהממשלה, ולרבנים. ופעם בשנתים רואים את הרב מסיגעט שבא להשגיח על השחיטה, ואם צריכים פלאַמבעס הולכים לאָפיס, ושם לוקחים, ואין שום איש נאמן על זה, והכל הפקר ואין שום משגיח במקום גדול כזה. יכולים אתם ללכת לשם ולראות את האמת, ויתוודע לכם הכל. ובאמת מהו הנפקא"מ בכשר מאַכען [מליחת הבשר] אם השחיטה היא נבילות וטריפות.

ר'... סיפר לנו שר'... אינו בודק את החלף באמצע השחיטה רק בהולכה. ואם הולך לבית הכסא אינו רוחץ ידיו בכלל, וכן הולך לשחוט, כי אין לו זמן, דהלא בכל רגע ורגע יכול לשחוט עוד בהמה...

וכששוחט לעֶם (כבשים) שוחט על השערות ואינו עושה שביל, כי אינו יכול, וכל זה יכולים לשאול לכל השובי"ם, אם יאמרו להם בתורת שבועה שיספרו, אז תשמעו ותסמר שערות ראשכם.

ור'... סיפר לנו, שכל זה עדיין אינו כלום, כי גם אינו בודק בדיקת פושרין ומנתק סירכות





גדולות רח"ל, שהיא ממש טריפה, וכשאומרים לו שני שוחטים שאינו בודק רק בהולכה, הוא מכחיש מציאות ואומר שהוא בודק. הוא פושע ישראל גדול.

אוי לנו שכך עלתה בימינו, ויש עוד הרבה לכתוב מזה, אבל לעת עתה כתבנו די והותר, ומזה יכולים לדעת הסך הכל, הכל אשר לכל. ר' ... שו"ב סיפר לנו אשר וויינשטאָק צועק כל פעם שיש לו יותר מדאי שוחטים ורוצה לזרוק את הזקנים שאינם יכולים לעבוד כמו הנערים, ונתקיים מאמר חז"ל נערים פני זקנים ילבינו ל"ע, לא עזות פנים בעלמא, אלא שרוצים להאכיל נבילות וטריפות ממש רח"ל.

והיום סיפר לנו השו"ב ר'... שבבית המטבחים של וויינשטאק מקבלים לעבודה אברכים ששוחטים בלי קבלה חצי שנה, ואין יודעים כלום. אל תחשבו שאנו רוצים לעשות מסחר ח"ו, רק אדרבה אם תעשו עד כמה שבועות התיקונים הנצרכים, אזי נפרסם בעיתונים ובמכתבים שיקנו רק אצל סאַטמאַר, אבל אם לא תעשו כלום אז נפרסם כל האמת, כי הלא כל המכשול הולך על שם אדמו"ר שליט"א, ואנו רוצים רבי בריא ושלם בעזהי"ת, ודבר זה כבר החליש את כחו הרבה ל"ע, וד"ל.

ברצונינו שתדברו תיכף ומיד עם המשגיחים ותסדרו שובי"ם ומשגיחים יראי שמים, תחת קהלת סאטמאר, וזה לא דבר קשה רק אולי יעלה עוד כמה סענט, וגם שוויינשטאָק לא ישתמש יותר בשם סאַטמאַר.

עופות יכולים לעשות כאן בעיר, וגסות גם כן יש הרבה מקומות, ורק צריכים שני שובי"ם ומשגיח אחד. ואי"ה יהיה מזה הכנסה גדולה לסאַטמאַר, כי אפילו בעלז פאפא וכו' יקנו רק אצלכם, כי אנו נפרסם על כולם הכל מה שנעשה כמו שנצטווינו בתוה"ק, אין אצלנו יותר סודות, אתם רואים שאנו יודעים כבר הרבה, ותקחו איש אחד בר סמכא וחכם שינהל כל עניני שחיטה וכשרות שיהיה על צד היותר טוב, ובעזהי"ת תצליחו...

הכו"ח<br>**וועד העומדים על המשמר**<br>**שעל ידי יראים וחרדים**<br>ברוקלין ניו יארק

◊◊◊

## מכתב י'

כתיב בתורה הקדושה "**וכשלו איש באחיו**", אצל בני ישראל כל אחד ערב בעד חבירו, כמו שאמרו חז"ל (שבועות ל"ט) כל ישראל ערבים זה בזה. אבל זהו דוקא בסתם בני אדם, אבל רב ואב בית דין שיש לו השפעה על הציבור, הוא ערב בעד כל הציבור, ואם יש לו השפעה גדולה יותר, הוא ערב בעד כל ישראל.

ועל זה נאמר "כי רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגי", דהרבה בני אדם נשרפה נשמתן רח"ל על ידי שלא השגיח עליהם לעורר לתשובה וללכת בדרכי ישרים. ובגמרא איתא "ועצומים כל הרוגיה", זהו תלמיד חכם וכו', דאם שותק ואינו מוכיח את בני אדם כפי יכלתו, נקרא רוצח נפשות רח"ל.

וישמע חכם ויוסיף לקח, שבעוונותינו הרבים לא די שהרבנים אינם מוכיחים את בני ישראל להשגיח על כשרות המאכלים ושאר מכשולים, עוד הם מוסיפים חטא על פשע שמכשירים את המוצרים האלה, והם אומרים וכותבים שהמאכלים כשרים למהדרין וכו'. ולגמרי שוכחים מאמר הכתוב **וחוטא אחד יאבד טובה הרבה**, ומכל שכן אם שוחטים 1380 עופות לשעה, ובכל עוף שייך חמש הלכות שחיטה, וכמה רעות ל"ע יוצאים מזה כידוע.

ועל זה יש להמליץ מאמר הכתוב **וחוטא אחד יאבד טובה הרבה**, דלפעמים נדמה שהוא רק אחד, אמנם מחטא אחד יכולים להשתרש מאות ואלפים עוונות רח"ל, כגון אם כותבים בעתון ("דער איד" ודומי') שהמאכל הוא "כשר למהדרין", ועל ידי זה יאכלו כמה בני אדם ממאכל הזה, על זה נאמר **וחוטא אחד יאבד טובה הרבה**, דלא די לו במה שחוטא לעצמו, אלא שמאבד טובה הרבה, שציבור גדול יאכל את המאכל ההוא.

אנו מוצאים בתוה"ק בחטא של דור המבול, דאף על פי שחטאו בע"ז ג"ע ש"ד, לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל. ואם כן מה תענו ליום הדין האיום והנורא, שכל אחד מישראל יאמר שכתוב בתורה הקדושה מפני **שיבה תקום** וכו', וגם אמרו חז"ל (ר"ה כ"ה ע"א) אין לך אלא כהן שבימיך, ויאמרו שכל האשמה תלוי' על הרבנים הרוצחים הפושעים שגרמו שנאכל נבילות וטריפות רח"ל כל ימי חיינו, ולא עוד אלא שכתבו שכל המאכלים של קהילות אחרות כולם טריפה, רק המאכלים של קהילותינו כשרים למהדרין...

רבוש"ע, אתה יודע רזי עולם ותעלומות סתרי כל חי, וגלוי לפניך האמת לאמיתו, איך שבשנות הזעם מסרנו את נפשינו בגעטאָ לאכול רק מה שכשר בתכלית ההידור, וכמו שידוע לכל. וכעת, אחרי שבאתי לכאן בחסדי ה', מה היה לי לעשות יותר מזה שידעתי שהכל הולך תחת החותמת של התאחדות הרבנים, ושבתי מרדכי אומר על כל דבר שאדמו"ר שליט"א אמר כך, ומן הסתם רבינו אינו יודע מזה וכו'. וכשיעמדו לפני בית דין של מעלה יאמרו, רבש"ע, אתה דיין אמת, איך תוכיח אותנו על זה שאכלו מאכלים שלא היו כשרים, האם היה איזה רב או מוכיח שיאמר לנו שאסור לאכול, הלא הם אמרו לנו **רק מאכל זה תאכל**. ואז יפתחו כל שבעה מדורי גיהנום וכף הקלע אשר לשם זורקים הנשמה מסוף העולם ועד סופו, **ויאכלו את כל מנהיגי השקר ששפכו דמם של ישראל בעוונותינו הרבים.**



איר זאלט וויסן אַז מיר ווייסן, און נישט נאָר אונז, נאָר גאַנץ ישיבת לעיקוואוד און מאָנסי ווייסן אַלעס, און מיר האָבען שוין אַלע פרטים ווי מיר וועלן באַלד אַראָפּשרייבן אַלעס, און כל שכן אין הימל איז אַלעס נישט קיין סוד, ווי די חז"ל זאגן "עין רואה ואוזן שומעת" וכו', און אויב איר וועט נישט שוין מתקן זיין וועט אַחוץ דעם וואָס מיר וועלען אַריינשיקען צו אַלע אידען בפרטיות, אַזוי אַז יעדער איינער זאָל וויסן וואָס עס גייט פאָר.

לײדער איז נתקיים געוואָרען דער מאמר חז"ל **הצדיק אבד ואיננו ואין איש שם על לב.** עס זענען אוועקגעריסן געוואָרען פון אונז ר' ליפא פרידמאַן ע"ה, פאר אים האָט מען געקענט אַראָפּלייגן אזא זאך, און ער האט אפילו געוואלט מתקן זיין א סאך בנוגע צו די שחיטה.

אויך איז לײדער הצדיק הקדוש ר' יחזקאל'ע מערץ זי"ע נסתלק געוואָרען בעון הדור. ווער רעדט נאך פון דעם וואס לײדער אזוי פיל יונגע מענטשען, תינוקות של בית רבן, גייען אוועק פון דער וועלט יונגערהייט רח"ל. און וויפיל קינדער גייען נעבעך אַרויס לתרבות רעה, אַלעס צוליב דעם שרעקליכן בראך פון מאכלות אסורות.

אָבער לײדער האָט דאָס שוין צו ווייט באַרירט, אַז אַפילו כ"ק אדמו"ר מסאַטמאַר - זאָל דערלעבן משיח'ן - ווילט איר אויך פאַרפירען רח"ל. מיר וועלן דאָס נישט צולאָזן ביז דער גאַנצער עולם וועט אויפהערן צו עסן פלייש, און מיר וועלן נישט שטיל שווייגן אויב ביז פרשת ואתחנן וועלען מיר נישט הערען וואָס מ'גייט מתקן זיין.

נשארנו כצאן בלי רועה, אין מי שיגדור גדר ויעמוד בפרץ מיר דאַרפען האָבען אַ געזונטען צדיק הדור. יומם ולילה פאַרגיסען מיר טרערען אויף אריכות ימים ושנים פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, און איר טוט פונקט דאס וואס עס שטייט אין די הקדמה פון ספה"ק ויואל משה מיטען פרוכת פון צאַנז וכו', אַז דער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט באמת איז דער בית המקדש שוין פארטיג און אלעס איז געווען גרייט פאר די גאולה, נאר דער פרוכת איז נאכנישט פארטיג. האט זיך אנגערופן איינער פון די אנוועזנדע (הרה"ק רבי יהושע מטאמאשוב זי"ע, אויב אזוי, פארוואס ענדיגט נישט דער רבי דעם פרוכת מיט זיינע מעשים טובים? האט דער צאנזער רב געענטפערט, באמת האב איך עס שוין יא געענדיגט, נאר עס איז געקומען א רשע און האט אפגעטוהן א גראבע עבירה, און מיט דעם לײדער צעריסן דעם פרוכת, ע"כ עיי"ש).

דאס זעלבע זעען מיר לײדער היינט, אז מיט דעם וואס מ'וויל נישט מאכן די געהעריגע תיקונים, ווערט נתעכב די גאולה, כאטש מ'האלט אין איין שרייען אז מ'ווארט אויף די אמת'דיגע גאולה שלימה.

ב"ה היינט דאַרפען מיר נישט אנקומען צו עדות פון גויים ערלים. מיר האָבן שוין עדות צוויי ערליכע יוגענטליכע פון לעיקוואוד וואָס מיר וועלען בל"נ מפרסם זיין זייערע נעמען בפומבי. מיר וועלן - על פי פקודת רבנים זקנים - זיין געצוואונגען מפרסם צו זיין דעם נאָמען פון די התאחדות הרבנים ביי די רעגירונג, און זיי וועלן שוין נעמען אַ פונקטליכען חשבון אויף דאָס וואָס איר לייקנט.

אויך זייער טענה אַז זיי אַרבעטן 2 שעה אין איין צי', איז נישט אמת, מען אַרבעט אפי' 4 שעה אין איין צי', וויא מיר וועלן ברענגען אַלע אינפאָרמאַציע פונקטליך. מיר צאָלן אויף דעם אַ סאַך געלט אַז מיר זאָלען קענען באַקומען אַלע פונקטליכע אינפאָרמאציע, און אויב איר זענט אמת'דיג אינטערעסירט צו וויסען, זאָלט איר זאָגען דעם שוחט ער זאָל שווערען אָדער געבן אַ הן צדק, און נאָך דעם וועט איר פרעגן גויים פון דאָרט אַליין, וועט איר אַלעס געוואָר ווערן.

אַזוי פיל זאָגן מיר אייך אַז אויב עס וועט נישט נעמען אַן עק דערצו, וועלן מיר מאכן אַן עק, און הלוואי זאל נישט זיין אַ גרויסער חילול השם וואָס אין חולקין כבוד לרב במקום שיש חילול השם, און וואו איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערער חילול השם ווי דאָס, אַז אידן שומרי תורה ומצוות זאָלען עסן טריפות.

עס איז דאָ נאָך איין עצה, אַז אויף שבתי מרדכי'ס פּלאַץ זאָל מען שטעלען קודם אַ יוד אַ בנן של קדושים, אַ חכם, נישט אַ פּאָסט טרעגער וואָס יעדער איינער ווייסט וואָס פאַראַ שייגעץ שטיק ער האָט אָפּגעטאָן, און אַז מען גיט אים אַ פּאָר דאָלער מער, וועט ער אפילו מכשיר זיין אַ חזיר. וואו לייגט ער אַוועק דאָס געלט וואָס ער נעמט אַריין פאַר'ן הכשר?

איין זאַך איז ביי אונז אַ פלאַץ, פאַרוואָס אַ טשיקען פון התאחדות הרבנים קאָסט מער מיט 10 סענט פון אַן "אָ-יו" טשיקען. בשלמא ווען איר זאָלט האָבען מער אחריות און מער שוחטים, באַשטייען מיר אויף אַלעס, אָבער לײדער איז אונזער (אייער) שחיטה דאָ ווייניגער מער ווי העלפט ווי ביי גרינוואַלי שחיטה וואָס עס שטייט אונטער דיא "אָ-יו". ביי יענע השגחה זענען דאָ שוחטים וואָס רוהען יעדע אנדערהאלבן שעה, מיר האָבען אַליין געזען קישקעלעך וואס עס זענען דאָרט דא אַ פּאָר הונדערט שאלות אַ טאָג. ס'איז אמת אַז אַ סאַך איז כשר, אָבער באַקוקען באַקוקט מען, נישט אַזוי וויא ביי אייך וואס מען באקוקט נישט בכלל.

אצינד וועלן מיר אייך אַראָפּלייגען דעם סדר היום פון דיא שוחטים אין ווײנלאנד, וואָס מיר האבן דאָרט געפינען.

א) דאָרט זענען דאָ 2 שוחטים בקביעות, 1) ר' ....., 2) ר'..., ממילא אויב מען וויל אַרבעטען





2 אויף דיא ליין כסדר און זיך טוישען שעה ביי שעה, דאַרף מען האָבען 4 שוחטים יעדען טאָג כסדר.

יעצט וועלן מיר פארשטעלן ווער עס שעכט, און וויפיל מען שעכט:

**יום ב',** ר'..., ר'..., 800 עופות בשעה. ר'..., 1100 עופות בשעה.

**יום ג',** ר'... ר'... אַ גאַנצען טאָג. ר'... פון 14 ביז 15 הונדערט לשעה. מיר ווילען באַטאָנען אַ וויכטיגן פונקט, אַז ר'... שעכט געהעריג, ער איז טאַקע אַ מומחה אָבער פעדערען פליקט ער קיינמאָל נישט, און אפילו ווען מען זעט שטעלט ער נאָר לפנים אַהין די האַנט און קיינער קען דאָס נישט וויסען נאָר אַ שוחט, עס איז אַ דבר המסור ללב, און אז מען באקומט געלט פונעם בעל הבית, זעט מען גארנישט... אָבער דער ר'... איז פשוט אַ שייגעץ, עס איז נישט קיין חידוש, ווייל אויב מען באקומען 6-5 טשעקס אַ וואָך, טוט מען אַלעס.

א) ער פליקט נישט.

ב) ער שעכט בהולכה אליין, אָן א הובאה.

ג) ער האַקט אַריין אין מפרקת, און עס איז פוגם דעם חלף.

1. אויך ווערט א סאך מאל נפסק החוט, ווי עס שטייט אין שמ"ח (סי' כ"ד סעיף ד' ה').

2. אַז מען האַקט אַריין אין מפרקת דאַרף דער חלף האָבען 12 בדיקות, ווי עס שטייט דארט אין סי' י"ח.

3. ווי קען מען אפילו זען וואָס מען טוהט אין אַזאַ שנעלען מהלך?

אַ משגיח פון האַרטפאָרט, א גערער חסיד מיט'ן נאמען ר' חָנה, וועלכער אַרבעט יעצט אין גרינוואַלי, האָט אונז דערציילט אַז ער פלעגט טרעפען וויפיל מאָל, וואָס עס איז נישט געשאָכטען, די סימנים נאָר דער מפרקת ביי די גלאַטע שוביי"ם, און אַלע שוביי"ם, ר'... פון באָבוב, אַ גוטער שוחט, און ר'... פון באָראָ פאַרק, אַ בעל הוראה, און ער קען אויך אַזוי גוט וויא יעדער איינער, האָבן אונז אויך איבערגעגעבען אַלע פרטים. דער שוחט ר'..., אַ שוחט מומחה, וועלכער האָט אַ שנענערן חלף פון אַלע גלאַטע שוחטים, האט אויך דערציילט וועגן דעם. זיי אלע וועלען דערציילן אלעס, אויב מען וועט זיי באשווערן.

**יום ד',** ר'..., ר'..., אַ גאַנצען טאָג. ר'..., אַ האַלבען טאָג.

**יום ה',** ר'..., אַ גאַנצען טאָג. ר'..., אַ האַלבען טאָג. איהר קענט געוואָר ווערען ביי די "לאנג איילאנד רעילראוד" און זייערע באס דרייווערס, פונקטליך ווען די שוחטים פאָרען אַהיים. אויף דעם ווילען מיר באַטאָנען:

א) אַ גאַנצען טאָג איז דער פשט אַז ער איז דאָרט אַ גאַנצען טאָג. אַ האַלבען טאָג, איז ער דאָרט נאָר אַ האַלבען טאָג, און ער שעכט דריי-פיר שעה אין איין צי, און דערנאך פארט ער אַהיים.

ב) אַ סאַך מאָל זענען דא נאָר דריי שוחטים, ווייל עס זענען דא סיבות און איינער אַרבעט פאַרען צווייטען פאַר געלט, און אַמאָל אַלס טובה, בבחינת "שמָר לי ואשמור לך".

ג) ווען עס זענען יאָ דאָ 4 שוחטים, שטייען אַ סאַך מאָל 3 אויף די ליין און איינער טוישט אויף דעם אַנדערען. דאָס מיינט אז זיי שטייען ביי די ליין אַ סאַך שעה'ן בהעלם אחת, כדי אַז די אַרבעט זאָל שנעלער פארטיג ווערען. יעדע שעה וואָס מען אַרבעט קאָסט $2500.

ד) אַ שוחט וואָס האָט געאַרבעט פול טיים ביי לייפער במשך 15 יאָהר, האט מען ארויסגעווארפן פון די שחיטה ווייל ער האָט געשאָכטען נישט מער ווי 900 אַ שעה. קודם איז אויף אַלע שוחטים חל אַן איסור לא תרצח, יענעמ'ס פרנסה צונעמען? און וואס איז מיט השגת גבול? פון וואו זאָל ער געבען זיינע קינדער צו עסן? איין ערליכען שוחט האָבן זיי געהאַט, האבן זיי אויף אים געשריגן, גיי אוועק פון דא, דו שעכטסט צו ווייניג, מיר דאַרפען נישט קיין קאַליקעס, **קול דמי הילדים צועקים לטרף ואין להם לאכול.**

מען שעכט דאָרט 3 טראָקס אַ טאָג, יעדער טראַק האָט אויף זיך בערך 6 ביז 7 טויזענט טשיקענס [עופות].

דער דאזיגער בריוו, ווי אויך דיא ערשטע צווי בריוו, ווערן ארויסגעשיקט צו לערך 100 רבנים, און אויב עס וועט נישט געהערט ווערען ביז פרשת ואתחנן, מיט מודעות אין "דער איד" וועגן אַן ענדערונג אין דיא ענינים, וועט דער גאַנצער עולם אויפהערען צו עסן. מיר וועלען אַלעס מפרסם זיין, מיר וועלען נישט שפּאָרען קיין ווערטער, מיר האָבן שוין גענוג געשריבן.

איר ווייסט גאַנץ גוט אַז מיר ווייסן אַלעס. מיר זענען צו אַ גרויסע קהלה מ'זאל אונז קענען פירן ביי די נאָז. עס איז אָנגעגרייט 1800 בריוון אַרויסצושיקען.

◇◇◇

